# מכח שלמה מולכו*)

ישראל שטערן / ווארשע

דראַמאַטישע פּאָעמע. דאָס פּאָעמאַטישע אין אָנהויב, אין מיט׳ן, אין סוף. דאָס דראַמאַטישע — דאַרף מען זוכן. דאָ איז אידעע, ליריזם; נאָר בעראַגגל ווייניק. די בעסטע שטעלן אין בוך זענען ליד, אָבער נישט קאָנפליקט.

איז דאָס צוליב דיזאָריענטירונג אין דער וועזנטלעכקייט פון דראַמאַטיק? ניין! א. לעיעלעס איז צו אינטעליגענט ער זאָל נישט קענען דעם נוסח דראַמע. דאָ איז געשען עפּעס אַנדערש.

אייגנאַרט און טעמפּעראַמענט פון מחבר און שאַף פון חיבור — דאָס זענען, מיין איך, די צוויי סיבות. וועלכע האָבן גורם געווען מאַנגלהאַפטס, נישט-פּאַרענדיקטס, און וועלכע וואַרפן גלייכצייטיק אַ גלאַנץ אויף פּערזענלעכער, אויפריכטיקער אַרבעט.

דער גראָדליניקער, לירישער, זיך גלייך-אין דער הויך-ארויפציהענדיקער, אַבסטראַקטער כאַראַקטער פון דעם העלר (אויב אַזעלכס קען מען בכלל אָנרופן: כאַראַקטער) האָט געשפּאַנט און פאַרכאַפּט דעם שרייבער-ליריקער.

דער העלד, שלמה מולכו, ווער איז ער? ווי אַזוי קענען כיר אים פון לאַנג? דאָס איז אַ מענטש, וואָס ווייס נישט פון קיין אָפּווייכונגען. אויף אַלץ, וואָס רעכטס, וואָס לינקס פון אים, פאַלט זיין בליק נאָר דורכלויפנדיק. זיין וועג גייט ווייטער, ער שטעלט זיך נישט אָפּ, ער ווערט נישט באַווירקט. און אָפשר טאַקי דערפאַר ווירקט ער אויף אַלע. נישטאָ נאָך אַ זאַך, וואָס די אייביק סטטיקע, אימפּולסיווע, ראַגגירנדיקע וועלט זאָל אַזוי פיינט האָבן ווי נייטראַליסטן, און ווו זי קען נישט משפּיע זיין, פאַלט זי אויף די קני. ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, צי זיי זענען זיך מודה אָדער נישט, נאָר אַלע, אפילו די שטאַרקסטע, ווערן פאַרשקלאַפּט צו יענעם, וועלכער בלייבט שטענדיק סוווערען אין זיין אינערלעכקייט, גייסטיקייט.

זיי ווערן דורך אים געשליידערט. ממילא זענען זיי נישט די ווינטן. וואָס גיבן אים דעם אימפּעט. דורך אים ווערן זיי גערעגט, געצינדן. אָבער זיין פייער קומט פון אַן אַנדער אָרט.

אמת, ביים שיין פון זיין פלאַקער ווערט בולטער זייער אביונישקייט, פאַר קעלט-איינגעקאָרטשעטקייט און עס קען זיך לפנים באַקומען דער איינדרוק, אַז מיר האָבן צו טון מיט אַ רעאַקציע. עס קען זיך דאַכטן, אַז זיין גרויסקייט קומט פון ווידערווילן צו זייער קליינקייט, אָבער ניין. נישט דאָס איז דער עיקר. עס וואָלט סיי-ווי-סיי אַזוי געווען. אַז אַ פויגל פליט, איז עס נישט דערפאַר וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אַ ני-לאַזאָפישע שולע און האָט זיך איבערצייגט, אַז גיין אויף פיר פיס, צי אפילו אויף צוויי איז נישט קיין געהויבענער ענין. ער קען נישט אַנדערש. אַזוי איז ער באַשאַפן.

און שלמה מולכו איז אַזעלכער. ער איז איינער פון די

---

*) א. לעיעלעס „שלמה מולכו" דראַמאַטישע פּאָעמע אין צען בילדער. 1926 ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין.

געצ״ילטע פליענדיקע צווישן מיל׳אנען גייענדיקע, אזוי קענען מיר אים. אזא בילד מאכן מיר זיך פון אים אויפן גרונט פון פארשידענע דאקומענטן. נאטירלעך קומט אויס, אז זיין ענטוזיאזם נעמט זיך פון דעם פיין און צער פון א פאלק, אז זיין באגייסטערונג האט אלס יסוד די מארטיראלאגיע פון זיינע ברידער. און עס לייגט זיך אין פלוג אויפ׳ן שכל. איז דאך זיין שטאם פון יענע באליידיקטע, געהאסטע, געשענדעטע, געשאכטענע, פארברענטע, וועלכע זענען אין דער יידישער געשיכטע הייליק פארשריבן מיטן בלוטיקן כתב. איז ער דאך אליין געוועזן פון די מאראנען.

נעמט מען אבער דאס דאזיקע העראישע געשטאלט גענויער, דורכדרינגלעכער, מוזן מיר — טראץ דעם גאנצן צויבער, וואס פאר אונז קען האבן התלהבותדיקע העלדישקייט צוליב פאלקס-אומגליק — מודה זיין, אז די דאזיקע סיבה איז נישט פון ערשטער ראנג. שטייט א טשאטשקע פויגל. גיסטו א ווארף א שטיין. גיבן זיי א פלאטער, הויבן זיך אויף אין דער הויך. איז דאס טאקע געווען א פאקטאר וואס האט געבראכט צו דער עובדא פון פליען. אבער נישט דער שטיין האט די באשעפעניש פליגל געגעבן...

אזוי צי אנדערש, נאר שלמה מולכו וועט שוין אייביק לעבן אין שכרות פון אומאויפהערלעכע וויזיעס. דאס איז א מענטש, וועלכן עס פעלט די פארטיילונג צווישן ערד און הימל. זיין איינציקע וועלט איז יענע וועלט. אין וועלכן קרייז מענטשן איר זאלט אים נישט אריינווארפן, וועט ער זיך שטענדיק געפינען אין א שטערן-קרייז. וועט אזוי זיין: מענטשן וועלן אין אים דערזען געטלעכעס, ער אין זיי וועט נישט דערקענען: מענטשלעכעס.

נו, קענט איר פון אזא העלד מאכן א איינאטעמדיקן ניגון. סוזשעט פאר א גלענצנדער דיטיראמב. א. לעיעלעס האט אים דוקא געוואלט דראמאטיזירן. און מען דארף מודה זיין, אז אויפגעפאסט און געצייכנט אים האט ער געשיכטלעך געטריי, דאס מיינט: געשיכטלעך, אינערלעך.

ער ווייזט אינז דעם העלד אין צען בילדער. אין פארשידענע סבב׳ת ברענגט ער אים אריין. מיט פארשיידענע מענטשן פירט ער אים צונויף. אבער שטענדיק בלייבט שלמה מולכו מיט זיך, אומבאאיינפלוסט, אומבארירט. שוועבנדיק אויף זיין וועג. ריין אין זיין פאטאס. גאפן אלע ארומיקע, שוינען אלע: א מענטש ציט זיך אין דער וועלט, ווי א פייערדיקער זייל. ער אליין ווייסט נישט דערפון, באמערקט עס נישט, זעט דאס נישט. ביי זיין אנבליק וועקט זיך אין אלע עפעס נייעס, אויף גרויסעס ווארטן זיי. ער אליין שטרעבט אויך. אבער זיין דערווארטונג איז אן אנדערע, א ממשותדיקע, שוין א מקויים־געווארענע. ווערט ער טאקי פאר אלע דער געזוכטער, דער געלעכצטער, זעט מען אין אים צייכנס פון משיח.

אבער אויב דער דיסטאנץ איז אזוי גרויס, אויב עס איז אזא מהלך-רב צווישן איינעם און די איבריקע, מיט וועלכע ער קומט אין קאנטאקט; אויב פערזאנען און צופאלן, וואס קומען אים אנטקעגן, גליטשן זיך בלויז דורך פארביי אים, ווערן דורך אים קוים באַרירט, לאזן נישט אויף אים קיין שום רושם; אויב ביי דעם צענטראל העלד לאזט זיך אלצדינג אויף אין עקסטאז, אויב ער איז כסדר באַרוישט; אויב ער ברעכט זיך קיינמאל נישט איבער; אויב ס׳איז נישטא ביי אים קיין מאמענט פון קריזיס; אויב ער קען נישט שפירן דעם גענוס פון זיג, נישט די טראגיק פון מפלה, — ווערט דאך דערמיט גוזא אינטערמינירט דער באדן פון דראמע. וועלכע רייבונגען זענען דא מעגלעך? וועלכע געגנזייטיקע מיספארשטענדענישן זענען דא געמאלט? וועלכער ענדגילטיקער צוזאמענשטויס? העכסטנס קען דא זיין די רייד וועגן קאמף נישט צווישן דעם העלד און די ארומיקע, נאר זיי, די ארומיקע אליין זאלן שטרייטן צווישן זיך. אבער כדי די דאזיקע אמפערנישן זאלן דערהויבן ווערן צו עכטע און עיקר׳דיקע פראבלעמען, וואלט מען זיי געמוזט פארברייטערן, פארטיפן, און מער אינהאלט געבן און מער פארב. אבער דענסטמאל האלטן פון די נעבן-פיגורן זיך אויסגעשיילט הויפט-פיגורן. איז ערשטנס: וואלט די גאנצע זאך געמוזט אנדערש קאנסטרואירט ווערן, והשנית — און דאס איז דער עיקר — האט לעיעלעס דער ליריקער צופיל ליב מולכו, דעם בעל-החזיונות, דעם מענטש פון אבסטראקציעס.

געלינגט דעם מחבר אוועקצושטעלן זיין ליבלינג אין צענטער. אלץ איבריקע איז נאר דרך-אגב, אין בעסטן פאל — אזוי איז זייער אפט — בלויז מיטל. איז אין דעם בוך אנגעזאמלט א גאנצע סעריע מאסיוון, אינטערעסאנטע, אבער נישט אויסגעפארמטע, נישט פול-באלעבטע.

ליגט זיך יעדעס פון די צען בילדער פאריינזאמט, סעפאראט. איטלעך בילד א באזונדער ווינקעלע. און איטלעך ווינקעלע איז געשאפן, כדי אריינצושטעלן אהין, ווי א ליכט, שלמה מולכו. וועגן אים האנדלט זיך עס. זיי — זענען טפל.

אין בילד I א שמועס צווישן סאלוואדאר און דיאגא פירעס (קריסטלעכער נאמען פון שלמה מולכו), ביידע חשובים ביים פארטוגעזישן יאאן III. אין ביידע צוויקט א נאגנדיקע פרעמדקייט צו אט דער קיניגלעכער סביבה. ביידע — יידן. אויף בייד׳נס בריסטן — צלמים. מען ווערט געשפאנט, די אויפמערקזאמקייט פונם לעזער נאדלט זיך אריין אין די ווערטער. וואס וועט דא זיין מיט דעם קארדינאל סאלוואדאר? מען זוכט אים ווייטער אין בוך. נישטא אים. א וויז געטון, און אוועק. געלעבט און פארלאשן. נאר דערפאר די פיזיאנאמיע פון דיאגא פירעס הויבט אן ווערן קלארער.

נו, און וואס זשע, למשל, אז אין בילד V איז דא א ליבע מיט משה טראניס טאכטער? ווער איז זי, די דבורה? אירע נייגונגען? אירע ליידנשאפטן? עס הויבט אן אינטערעסירן. מען בלייבט אומבאפרידיקט. נישט גרויסע פרייד. נישט גרויסער טרויער. א בלישטש געטון. פארשוואונדן. אבער צו דער דכות פון העלד איז צוגעקומען א שטריך. רייכער מיט א פלעק: „כל זמן דיין זעל וועט אויף דער ערד דא הויערן, וועל איך זיין ביי דיין זייט אין צפת אים יעדן שבת...“

דער פלאץ פון אן ארטיקל דערלויבט מיר נישט זיך אפצושטעלן אויף יעדע סצענע באזונדער. אבער אומעטום די אייגענע מאס. חנעוודיקייט פון דער אפגעזונדערטער קליינקייט.

פארלאג ב. קלעצקין
ליינט דעם אריגינעל-פאנטאסטישן ראמאן
אלעקסיי טאלסטאי
**אעליטא** (ראמאן)
יידיש שרה רדזון פרייז 3.50 גילדן
אדרעס: „Bycher“, Warszawa, Nalewki 2a.

פארלאג ב. קלעצקין
שוין ערשינען
מ. באריישא (מנחם)
**דער גלגול**
(דיאלאג אין צוויי באגעגענישן)
פרייז 3.50 גילדן

היסטאָריש מאַטעריאַל. דיכטערישע פּערזן. אויב נישט שטענדיק ניי, דאָך שטענדיק ציל-באַוווסט. און אַלע בילדער — אינסטרומענטן צו אַ צוועק. און דער צוועק — דער העלד. זיינע טענות גייען-אָן אַממייסטן דעם מחבר.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ העלד, לויט זיין עקסטרעמקייט, לויט זיין ברען, לויט זיין מיט-זיך-פאַרנומען-זיין, לויט זיין ערד-פאַרגעסנהייט, און לויט זיין אָנהאַלטנדיקן חלום וואָלט גיכער געפּאַסט צו רעדן סאָלאָ. — אויב אַזאַ איינער מוז געבן ענטפער, אין דער צייט ווען ער הערט נישט וואָס מען פרעגט, אויב ער מוז רעאַגירן אויף זאַכן, וואָס סיי באַגרייפלעך און סיי עמאָציאָנעל זענען זיי אים ווייט, — מוזן זיינע דיבורים ערטערווייז אַרויסקומען קראַפטלאָז, מאַנאָטאָן.

אין די גריכישע טראַגעדיעס זענען פאַראַ-ען פאַרשוינען —געטער. נאָר זענען זיי אינגאַנצן פאַרמענטשישט. א. לעיעלעס וויל געבן מולכון אין זיין פולסטער כהיה, אין זיין מלאכדיקייט. נאָר די מלאכים — דערציילט אַן אגדה — האָט מען די תורה נישט געגעבן, ווייל צי קען ביי זיי „לא תנאף" זיין? „לא תרצח" זיין? אַ יצר הרע זיין?... העכסטנס קען מען אין מיטן פון אַ קנויל אַריינפלאָנטערן פון יענע מלאכים, וועלכע זענען אַמאָל אַראָפּגעפאַלן צווישן די מענטשן. אָבער מולכוס גייסטיקע הויך, די איינציקייט פון זיין אַרט באַשטייט דאָך דווקא אין דעם, וואָס ער איז קיינמאָל נישט געפאַלן...

צי האָט דאָס דער מחבר דערשפירט? צי כדי זיך צו באַרעכטיקן האָט ער געגעבן עטלעכע רמזים (אגב, רמזים, וועלכע האָבן זיך אים גוט איינגעגעבן) אויף אַ קריסטוס-געשטאַלט? צי האָט ער געוואָלט אַזוי אַרום בויען קאָנטאַקט צווישן איינעם און אַלע?

אָבער דערמיט איז ווייניק געהאָלפן. וואָרים אין תוך גענומען איז קריככוכעס פערזאָן אויך אומדרצכאַטיזירבאַר... אגב עפּעס: אפשר וועט מען מיט מיר נישט מסכים זיין. נאָר מיר איז נישט שטאַרק צום האַרצן, ווען יידישע פּאָעטן באַמיען זיך דעם קריסטלעכן אָרעאָל אָנצוטון אויף אונזערע היסטאָרישע אָדער לעגענדאַרע העלדן. ביי דער געניטקייט אין יידישע ספרים האָט א. ל. געקענט געפינען מער היימישע, אונז נענטערע מיטלען.

אויך אַ שאָד, וואָס בילד III איז, פונקט ווי אַלע ניין, אויך געבליבן נישט מער, ווי אַ סטעזשקע, ווו עס דאַרף אַ דורכשפּרייזן אַ גייסטיקער ריז. דאָרט, ביי דעם צוזאַמענטרעף פון שלמה מולכו און דוד ראובני, איז דער איינציקער פלאַץ, ווו עס איז מעגלעך געווען, —כאָטש אין אַ געוויסער מאָס, —וויטאַלעס, קאָנקרעטער פנים-אל-פנים, מענטשישער געאַמפּער.

מענטשן בכלל האָט מולכו געזען ווי דורך אַ נעפּל, געהערט ווי אַ עכאָ. האָט פאַר זיי געזאָרגט, געטרוימט, אָבער תופס געווען זיי האָט ער נישט. זיי אים, ווידער, האָבן פאַרגעסערט. אַלזאָ, צווישן צוויי צדדים—אַ ווייטקייט נישט צום צובערשפּרייזן. יעדער אָנגריף אוממעגלעך. אַנדערש אָבער אין דעם פאַל. מולכו האָט ראובנין געהאַלטן פאַר זיין רבי. אָבער דער רבי וויל דעם תלמיד אַראָפּציען' וויל אויסניכטערן, לאָזט נישט פליען. דאָ איז געלעגנהייט אויף אַן אָנהייב פון איבערברוך, פון אַ ווייטאָג-עמפינדונג. דעם פאַנטאַסט עפענען זיך די אויגן. אמת, נישט אויף לאַנג. אָבער ער נעמט שוין פילן בליי אויף די פליגל. אין כאַראַקטער-יסטיש, אַז ביי דעם עפּישן מאַקס בראָד געהערן די באַגעגענישן פון אָט די צוויי גרויסע יידן צו די אָנירענדיקע, ליכט-אין-שאָטנדיקע, דינאַמישע, מיינט עס: דראַמאַטישע קאַפּיטלען. א. ל. האָט עס צו שנעל אָפּגעפּטערט. זענען צוליב דעם — אַ חוץ וואָס ס'איז נישט געוואָרן אויסגעשעפּט אַ פּראַכטפולער מאָטיוו — אַריינגעפאַלן איניקע נישט-גינסטיקייטן. ערשטנס: דער קלכתר פנים פון דוד ראובני איז פאַרנעפּלט. עס נעמט זיך אויך, מכתמא, מחמת צו גרויסער באַאיינפלוסקייט פון היסטאָרישע מקורים. אויך דאָרט איז ער זייער מטושטש, האַלטן אים דאָך איניקע אַפילו פאַר אַ אַוואַנטוריסט, אין דיכטונג מוז מען זיין דעצידירט... צווייטנס, וועט זיך דער לעזער נישט גענוי אָריענטירן וואָס מען מיינט: „ווען כ'בין די ערשטע מאָלן צו אייך געקומען הערן דאָס געגאַרטע וואָרט." דאָ בעט זיך ווידער אַ פאַרגלייך. מאַקס בראָד האָט זיך מיט דעם „ערשטן מאָל" געפּיעסכעט, געצערכלט און עס איז אַרויסגעקומען אַ געשליפענער בריליאַנט.

די אָנציענדיקסטע ערטער אין בוך זענען בילדער VIII, IX און X. קאַרדינאַל בעביענא ברענגט אַריין לעבעדיקייט. די שטעל ווו קאַרל דער 5-טער כאַפּט זיך אין וואָס עס גייט אין די אויסטייטשונג זיינע, איז אַ וווילער איינפאַל. פּאָליטיש—גוט פאַרטראַכט.

אויף דער בינע וועט אַ רעזשיסער די דאָזיקע ערטער מוזן אונטערשטרייכן. און נאָך עפּעס: עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַ פּיעסע, ווו די דעקאָראַציעס און די מאַסן-סצענעס זאָלן שפּילן אַ מער באַדייטנדיקע ראָלע, ווי אין דעם דאָזיקן ווערק. אַלץ איז אייגנטלעך פּיזאַזש. אַלץ שפּראָצט און שווייגט, אַלץ בליט און וואַרט; עס וועט געשען. און אינמיטן דער אויסגעבעטער לאַנדשאַפט שפּאַצירט שוין דאָס געשעענע — שלמה מולכו. עס וועט זיך ווענדן, ווי דער גאָרטן וועט אויסזען. עס וועט זיך ווענדן אין דעם גערטנער.

פאַרלאַג ב. קלעצקין. וואַרשע

י. ל. פּרץ

# מיינע זכרונות

פאַר יוגנט

פאַרקירצט לויטן אויפטראַג פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע אין פּוילן

— פּרייז 1,50 גילדן —

אַדרעס: „Bychar" Warszawa, Nalewki 2a.

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

פּרץ הירשביין

# די פּוסטע קרעטשמע

פאָלקס-שטיק אין 4 אַקטן

— געבונדן 1,75 גילדן. —

# עלנט און נויט

דראַמען: מרים; ווי דאָס לעבן פאַרגייט; אַן אויב רויקער מענטש; איינזאַמע וועלטן; אין דער פינסטער.

— פּרייז 4,40 גילדן —

אַדרעס: „BICHER", Warszawa Nalewki 2a